טייערע הער\מאדאם,

דער בריוו ווערט צוגעשטעלט פאר אייך וויבאלד איר האט געגעבן ערלויבעניש פאר אייער אינפארמאציע צו ווערן געהאלטן אין די קליענט דאטא סיסטעם אויפגעהאלטן דורך די ניו יארק סטעיט אפיס פאר עלטערע און גענוצט פאר NY Connects. NY Connects איז א ריסאורס צענטער פאר עלטערע און מענטשן מיט דיסעביליטיס וועלכע ווערט צוגעשטעלט דורך די סטעיט אפיס פאר די עלטערע און די דעפארטמענט אוו העלט דורך זייערע לאקאלע פארטנערס. NY Connects אידענטיפיצירט געברויכן, שטעלט צו אינפארמאציע און הילף, און פירט זיך ווי א פארבינדונג צו פיל פראגראמען און סערוויסעס וואס העלפן מענטשן בלייבן זעלבסט-שטענדיג. דער קליענט דאטא סיסטעם ערלויבט אנדערע לאקאלע פארטנערס צו זען אייער אינפארמאציע אויב א רעפערעל ווערט געמאכט, אבער דאס וועט נאר פאסירן מיט אייער ערלויבעניש.

מיר וועלן נאר האלטן די אינפארמאציע וואס איר גיבט אונז. סיי וועלכע פערזענליכע אינפארמאציע וואס ווערט געהאלטן אין די קליענט דאטא סיסטעם איז געהיים און ווערט געהאלטן אין איינקלאנג מיט אלע נויטיגע פעדעראלע און סטעיט געזעצן. אויסער אויב איר גיבט אונז ערלויבעניש, וועלן מיר נישט מיטטיילן אייער אינפארמאציע מיט אנדערע. איידער'ן מאכן סיי וועלכע רעפערעל, וועלן מיר זיך פארבינדן מיט אייך. מיר וועלן צושטעלן אינפארמאציע וועגן דעם סערוויס פראוויידער אדער רעגירונגס אגענטור און דער סערוויס. איר וועט באשליסן אויב א רעפערעל זאל ווערן געמאכט. אויב איר טוט דאס נישט, וועט א רעפערעל נישט ווערן געמאכט און קיין אנדערע אגענטורן אדער פראוויידערס וועלן נישט קענען זען אייער אינפארמאציע. אויב איר האט ערלויבט אז א רעפערעל זאל געמאכט ווערן צו אן אנדערע פראוויידער, וועלן מיר נאר מיטטיילן אינפארמאציע מיט יענע ספעציפישע פראוויידער.

עס איז וויכטיג פאר אייך צו פארשטיין וויאזוי אייער אינפארמאציע ווערט געהאלטן, פארוואס מיר דארפן די אינפארמאציע, און אז עס וועט נישט מיטגעטיילט ווערן מיט נאך אן ארגאניזאציע אן אייער ערלויבעניש. אויב איר האט פראגעס וועגן די קליענט דאטא סיסטעם, קענט איר זיך פארבינדן מיט דער ניו יארק סטעיט אפיס פאר די עלטערע'ס פריוואטקייט באאמטער. איר קענט שרייבן צום פריוואטקייט באאמטער ביי, New York State Office for the Aging, Agency Building 2, Empire State Plaza, Albany, NY 12223, אדער רופן 474-0388 (518). **אלע אנדערע פראגעס זאלט איר פרעגן די לאקאלע אגענטור ווי אנגעוויזן אויף בלאט 2.**

אזוויי מיר האבן געזאגט, קענט איר טוישן אייער מיינונג וועגן מיטטיילן אייער אינפארמאציע. אויב איר אנולירט אייער ערלויבעניש, קען סיי וועלכע שריט וועלכע איז שוין גענומען געווארן מיט אייער ערלויבעניש נישט צוריקגענומען ווערן. אנולירן צושטימונג וועט נאר פארמיידן ווייטערדיגע מיטטיילונג פון אייער אינפארמאציע. אויב איר אנולירט אייער צושטימונג צו מיטטיילן און מאכן רעפערעלס, וועלן מיר מער נישט רעפערירן אדער מיטטיילן אייער אינפארמאציע. פונדעסטוועגן, איז וויכטיג אייך צו מעלדן אז אנולירן צושטימונג קען באגרעניצן וויאזוי מיר קענען אייך העלפן.

**אויב איר האט אונז נאר געגעבן ערלויבעניש צו צוזאמנעמען און רעקארדירן אייער אינפארמאציע אבער נישט עס צו מיטטיילן מיט קיין אנדערע אגענטורן, וועלן מיר עס נישט מיטטיילן, און קיין שריט איז נישט נויטיג.**

**איר דארפט גארנישט טון מיט דעם בריוו אויסער אויב איר טוישט אייער מיינונג וועגן ארבעטן מיט אונז אזוויי מיר האבן שוין געזאגט.**

אויב איר האט צוגעשטימט צו מיטטיילן אייער אינפארמאציע פאר א רעפערעל אדער ארויסצולאזן געוויסע אינפארמאציע אין פאל פון א חורבן אדער עמערדזשענסי, און אויב איר האט געטוישט אייער מיינונג דערוועגן, מוזט איר אויספולן א בויגן וואס איז ספעציפיש געמאכט פאר דעם צוועק (עס איז אנגערופן די אינפארמירטע צושטימונג צוריקציאונג בויגן) און דאס שטעלט פשוט אפ אונזער ערלויבעניש מיטצוטיילן אייער אינפארמאציע. דער בויגן וועט געשיקט ווערן צו אייך אויפ'ן פארלאנג. אויב איר ווילט באקומען אן אינפארמירטע צושטימונג צוריקציאונג בויגן, אדער אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס, ביטע רופט:

ריסעט\מעקט אפ